# לערנער, יוסף-יהודה

[געב. 13 יאַנ. 1847 – געשט. 23 יאַג. 1907]



געבוירן 13 יאַנואַר 1847 [לויט ש. באָראָוואָי – 1 יאַנואַר 1849] אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע, ביי פרומע עלטערן. ביז 13 יאָר געלערנט יידישע למודים, דערנאָך אַוועק קיין זשיטאָמיר, וואו ער האָט באַזוכט די גימנאַזיע.

1862 - דעביוטירט א׳פ יוסף-יואל הערדנער אין „קול מבשר" (10-11) מיט אַ ביאָגראַפיע וועגן דעם מערקווירדיקן יידישן פאָלקס-מוזיקאַנט מיכאל-יוסף גוזיקאָוו און אין דער רוסישער פרעסע אין יאָר 1865 אין „Кіевскій Телеграфъ".

1866 – זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער איז אַ יאָר צייט געווען אַ פרייער צוהערער אויפן יורידישן פאַקולטעט פון נייַ-רוסישן אוניווערזיטעט.

ל. איז אין משך פון 10 יאָר געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „Одесскій Вѣстникъ“ און זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע רוסישע צייטונגען ווי „Кіевлянинъ“, „Новороссійскій Телеграфъ“ אין דער רוסישער ביילאַגע צו „הכרמל“ און געשריבן אין דער רוסישער פרעסע וועגן יידישע ענינים און וועגן דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור.

ל. איז — לויט ז. רייזען — געווען איינער פון די ערשטע צווישן דער נייער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ אָפּצושאַצן די באַדייטונג און דעם זעלבסטווערט פון יידיש און האָט דער ערשטער פּאָפּולאַריזירט די יידישע ליטעראַטור פאַר די רוסישע לעזער. זיין רוסישע בראָשור וועגן אָקסענפעלדן (טיילווייז ציטירט אין רייזענס „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“, זז. 363-65) איז אפשר די מיינסט ערנסטע קריטישע אַרבעט וועגן אַ יידישן שריפטשטעלער. אין זיין איבערגעגעבנהייט צו יידיש האָט ער, אַלס אָנגעזעענער רוסישער זשורנאַליסט, דאָך זיך נישט געשעמט אויך צו שרייבן יידיש אין אַ צייט ווען בטלנים האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַן אַבסורד. גלייכצייטיק האָט ער אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער העברעאישער ליטעראַטור און געווען צווישן די, וועלכע האָבן באַקעמפט די אַלטע בטלנישע השכלה.

צוליב אַ קרימינעל פאַרברעכן איז ל. בערך 1873 אַנטלאָפן קיין ווין און דאָרט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „עמק שושנים“. בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה איז ער, צוזאַמען מיט די רוסישע זשורנאַליסטן, מיטגעגאַנגען מיטן רוסישן מיליטער און אין משך פון 1878 אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעסט אַ טאָגבלאַט „Записки Гражданина“.

אין בוקאַרעסט באַקענט זי ל. מיטן יידישן טעאַטער, וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט אין רומעניע, און ווען ל. קערט צוריק קיין אָדעס, באַשליסט ער צו שאַפן אַ טעאַטער, וואָס זאָל אויך באַפרידיקן דעם יידישן אינטעליגענט, און ער נעמט איבער דאָס מאַרינסקי-טעאַטער פון גריך אָמער.

וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „לערנער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל ווען ער האָט איבערגענומען דעם מאַרינסקי-טעאַטער. ער איז באַקאַנט געווען מיטן יידישן טעאַטער פון דער ערשטער שעה, וואָס עס האָט זיך געגרינדעט אין בוקאַרעסט. ווי עס זעט אויס פון דעם אָנהייב פון זיין קאַריער, איז ער געווען אַן אומרויִקע נאַטור און האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. ...אַליין וואָלט לערנערן קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די צייט איז געקומען פאַר אַ יידישן טעאַטער. ער איז געווען ווייט פון יענעם יידן, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין אַזאַ אונטערהאַלטונג, וואָס אַ יידישער טעאַטער האָט געקאָנט געבן. נאָר ווען דער טעאַטער איז שוין געווען אַ טאַט-זאַך, איז אים אַריין אַ געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פרוכטבאַרע פעלד, ווען מען זאָל עס באַאַרבעטן ווי געהעריק איז. לערנער האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערן פליגל פון דער יידישער אינטעליגענץ. ער האָט זיך נישט געשטעלט צופרידן מיט גאָלדפאַדענס אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק, ער האָט גערעכנט, אַז די אויפגאַבן פון אַ יידישן טעאַטער איז אויפצוהייבן דאָס פאָלק צו זיך. און אַזוי ווי אים איז אויסגעקומען צו זען אין בוקאַרעסט די ערגסטע בורלעסקעס פון יידישן טעאַטער, האָט זיך אין אים גענומען אַנטוויקלען אַ פאַרלאַנג צו ווייזן וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט אַ יידישן טעאַטער און ער האָט געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט. דידאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין אָדעס. נאָר צו געבן די בעסערע פּיעסן, פון וועלכע ער האָט געטרוימט האָבן זיך געפאָדערט שרייבער, וועלכע זאָלן זיי קאָנען שאַפן. מיר האָבן שוין דאַמאָלט געהאַט גוטע טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע. לערנער האָט דידאָזיקע שווערע פראַגע פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו די שרייבער פון די אומות-העולם. ער האָט [אָבער] באַגריפן, אַז דער גאַנצער אויפטו וועט נישט ווערט זיין קיין שאָס פולווער אויב די בעסערע שטיקער וועלן נישט האָבן יידישעס אין זיך. אַז עס וועט זיין גאָר אַ קנאַפּער קונץ צו נעמען אַ גוטע דראַמע פון די גויים און דערלאַנגען [זי] די באַזוכער פון יידישן טעאַטער. דער פּראָסטער טעאַטער-באַזוכער וועט אויף אַזאַ דראַמע קוקן ווי אַ האָן אויפן בני-אדם און די יידישע אינטעליגענץ וועט אויסבייטלענען אַלע בייזע חלומות צום דירעקטאָר פון טעאַטער...

„לערנער האָט דעריבער געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט אויסגעקליבן ביי די אומות-העולם אַזעלכע פּיעסן אין וועלכע די האַנדלונג און די פּערזאָנען זיינען געווען יידישע. פון דעם דייטשן רעפּערטואַר האָט ער אויסגעקליבן גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“. פון דעם פראַנצויזישן האָט ער גענומען סקריבס „די יידין“ און האָט זיי איבערזעצט [פריי באַאַרבעט] אין אַ ריינעם יידיש. די דערמאָנטע פּיעסן האָבן נישט נאָר געהאַט די מעלה, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען אַ יידישער און פאַרשטענדלעך פאַר דעם דורכשניטלעכן יידישן טעאַטער-גייער, נאָר זיי זיינען געווען אין דעם רעפּערטואַר פון יעדער אייראָפּעאישער בינע און די יידישע אַקטיאָרן האָבן געקאָנט גיין זען באַרימטע רוסישע אָדער דייטשע אַקטיאָרן שפּילן אין דידאָזיקע פּיעסן, און אויב זיי האָבן דאַמאָלט נאָך אַליין נישט געקאָנט אויפפאַסן אַזעלכע ראָלן, האָבן זיי עס געקאָנט אָפּלערנען פון באַרימטע אַקטיאָרן. די הויפּטראָלן אין דידאָזיקע צוויי פּיעסן האָבן געשפּילט אבא שיינגאָלד און סאָפיע גאָלדשטיין (קאַרפּ) און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זיי“.

ל.׳ס איבערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1885 אין אָדעס [אוריאל אַקאָסטאַ, אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטען פון קאַראָל גוטצקאָוו, פאַר די יודישע סצענע איבערזעטצט אינ אַראַנזשירט פין י. י. לערנער [45 ז. 16°], דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1888 אין פּעטערבורג, שפּעטער אין וואַרשע [1889 — 68 ז. 16°, צווייטע אויפלאַגע] און דערנאָך דורכן פאַרלעגער י. י. לידסקי [דריטע אויפלאַגע, וואַרשע 1903, 80 ז. 16°]. זינט דאַמאָלט איז די פּיעסע אין דערדאָזיקער איבערזעצונג געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידישע בינעס.

ל.׳ס איבערזעצונג פון סקריבס „די יידין“ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1889 אין וואַרשע א׳נ „זשידאָווקאַ, אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטען פון י. י. לערנער“. אין אינעווייניקסטן שער-בלאַט איז געדרוקט: „זשידאָווקאַ דיא יודין נאָך פערשידענע קוועללען בעאַרבייטעט“. די איבערזעצונג איז דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס, וועלכע זיינען שוין נישט בנמצא. אין 1903 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון י. י. לידסקי דערשינען די דריטע אויפלאַגע. עס איז אויך פאַרהאַן אַן אויפלאַגע פון 1911.

דוד קעסלער גיט אָן אין זיינע זכרונות, אַז ווען ל. האָט אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער אין אָדעס, איז זיין טרופּע באַשטאַנען פון: מאָגולעסקאָ, פינקעל, עדעלמאַן, זילבערמאַן, ליזאַ איינהאָרן א. א. די טרופּע פלעגט שפּילן נאָר איין מאָל אַ וואָך, ווייל די אָדעסער יוגנט פלעגט פאַרנעמען אַלע גרויסע אָדעסער זאַלן אויף אַנדערע שמחות.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז בעת ל. האָט

איבערגענומען (אַליין און דערנאָך צוזאַמען מיט שמ"ר-שייקעוויטש) דאָס מאַרינסקי-טעאַטער אין אָדעס, האָט ער געלאָזט אויפפירן ביי זיך אין טעאַטער שמ"רס „יידישער פריץ", „דער קאַטאָרזשניק", „דער בעל-תשובה" און „דער בלוטיקער אדיע" ווי אויך מאַריע לערנערס „די עגונה", דערנאָך איז געשפּילט געוואָרן „זשידאָווקאַ" (די יידין) מיט משה זילבערמאַן אַלט „אליעזר" און ערשט נאָכדעם „אוריאל אַקאָסטאַ" א'ר פון דייטשן רעזשיסער גרודזיקי מיט אבא שיינגאָלד אין דער טיטל-ראָל.

י. רימיניק גיט אָן, געשטיצט אויף אַ רעצענזיע אין „אָדעסקי וויעסטניק", אַז אונטער ל.'ס דירעקציע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 11 אויגוסט 1888 [עס דאַרף זיין 1880] דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע" (מיט שכר גאָלדשטיין אַלס „סערקעלע"). פון דער רעצענזיע איז צו זען, אַז ל. האָט אָנגעגעבן די פּיעסע אַלס זיין דראַמאַטיזאַציע פון דר. עטינגערס אַ ראָמאַן [?]. עס איז אָבער זייער וואָרשיינלעך, אַז ל. האָט געלאָזט אויפפירן די קאָמעדיע אין זיינער אַ באַאַרבעטונג.

אָבער מיט די עטלעכע פּיעסעס האָט דאָס טעאַטער נישט געקאָנט אויסקומען און ל. האָט געמוזט זיך ווענדן צו גאָלדפאַדענען, ער זאָל אים דערלויבן צו שטעלן עטלעכע פון זיינע פּיעסעס. „עס האָט לאַנג נישט גענומען – שרייבט ב. גאָרין – און גאָלדפאַדען איז ווידער געוואָרן דירעקטאָר אין דעם טעאַטער אין אָדעס, נאָר איצט איז די מלוכה געווען צעטיילט צווישן אים, לערנער און שייקעוויטש. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי צווישן זיי און גאָלדפאַדענען איז געלונגען אַרויסצושטופּן לערנערן פון טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט ביים צוריקקערן זיך קיין אָדעס מיטגעבראַכט זיין צווייטע היסטאָרישע פּיעסע „בר כוכבא" און מיט מאָגולעסקאָ ביי דער זייט איז ער גיך פאַרטיק געוואָרן מיט דער מוזיק. „בר כוכבא" האָט שטאַרק אויסגענומען, נאָר איידער גאָלדפאַדען האָט נאָך צייט געהאַט אָנצופרייען זיך מיט דעם ערפאָלג, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ביטערע גזרה, וואָס האָט פאַרבאָטן יידיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין סעפּט. 1883. מען זאָגט, אַז די גזרה האָט זיך גענומען פון אַ מסירה. עמעצער האָט געמסרט, אַז „בר כוכבא" איז נישט קיין כשרע שטיק און אַז דער פראָלאָג איז געצילט קעגן דער רעגירונג. מען זאָגט אויך, אַז די מסירה איז געקומען פון אַ פאַרפאַסער [אַן אָנווייזונג אויף ל.], וועלכער האָט נישט אַזוי שלעכט געמיינט ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט. ער האָט געהאָפט צו ווערן צענזאָר און דאָס וואָלט אים געגעבן די אויבערהאַנט אין טעאַטער".

וועגן דער קאָנקורענץ צווישן ל. און גאָלדפאַדען שרייבן אויך נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „אין 1881 האָט גאָלדפאַדען געהאַט אויסצושטיין אַ קאָנקורענץ בלויז אין אָדעס [לערנערס טרופּע]. אַרויספאָרנדיק פון אָדעס, האָט ער געקאָנט פריי אויסקלייבן זיך אַ מאַרשרוט, פאַרבלייבן אין יעדער שטאָט וויפיל ער האָט געוואָלט און בכלל פילן זיך פריי פון יעטוועדער קאָנקורענץ. אין 1882 און 1883 יאָרן איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן (די טרופּעס פון לערנער, מאָגולעסקאָ) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזוכן אויך אַנדערע שטעט חוץ אָדעס (פּאָלטאַווע, קעשעניעוו א. א.). אין אָדעס גופא האָבן זיך גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן שוין אודאי פאַרפעסטיקט. ...אַ שותפותדיקע טרופּע פון גאָלדפאַדענס און לערנערס אַקטיאָרן האָט געשפּילט אין אָדעס סוף 1882". [אָבער שוין אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1883 לייענען מיר אין אַן





אָדעסער צייטונג אַ נאָטיץ, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין שותף לערנער און האָט אַריבערגעטראָגן זיינע פאָרשטעלונגען אין האַנטווערקער-קלוב] און ווייטער ...„אין אַזאַ פאַל ווען גאָלדפאַדען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע שותפים, האָט עס באַדייט דעם אָנהייב פון אַ פאַרביטערטער העצע, וועלכע לערנער האָט מיט אַלע מיטלען געפירט קעגן גאָלדפאַדענען. ווי עס ווערט דערציילט אין איינִיקע ערטער, האָט צווישן די קאַמפּס-מיטלען קעגן גאָלדפאַדענס טעאַטער באַזונדערס געגאָלטן די מסירה, צו דעם אויסגעפּרובטן מיטל פלעגן אויסקומען נישט נאָר גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן".

וועגן ל.'ס כאַראַקטער שרייבט יעקב גאָרדין אין זיינעם אַ בריוו צו זיין פריינט ראָזענבלום: „לערנערן געדענק איך זייער גוט. אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, ער איז אַן אַנטיפּאַטישער מענטש און איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ. זיין איינציקער אידעאַל, זיין איינציקער גאָט איז געווען אָסיפּ לערנער. אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ קליינעם מיזעראַבלען גאָט — קאָן נישט זיין גרויס !"

און נאָך קלאָרער האָט [לויט ר. גראַנאָווסקי] זיך אויסגעדריקט ה' פעלדבערג, גאָלדפאַדענס שוואָגער: „אינם אונטערגאַנג פונם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד האָט ער [לערנער] געהאַט אַ האַנט. איצט שרייבט דער משומד לערנער די „יודישע היסטאָריע", איז ער נישט אומפאַרשעמט ?".

ל. האָט איבערזעצט פאַר זיין טעאַטער נאָך איינִיקע פּיעסעס: 1) מאָזענטאַלס „דעבאָראַ, דראַמע אין 4 אַקטן און 9 בילדער" [כתב-יד אין יידיש מיט אַ צענזורקע פון 1882 געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו"א]. די פּיעסע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך קעני ליפּצין אין ענגלאַנד און אַמעריקע. 2) „מוטער-ליבע, אָדער, צוויי חתונות אין איין טאָג, מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן, איבערזעצט פון לערנער פון פראַנצעזישן" [אַ כתב-יד, איבערגעשריבן פון אַקטיאָר מ. נאַכאַמקוס דעם 14 אַפּריל 1886, געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאָבליק-לייברערי אין ניו-יאָרק]. 3) „דער פעטער משה מענדעלסאָן, אַ דראַמאַטישעס בילד אין איין אַקט, נאָך דעם דייטשע פאַר דער יודישער ביהנע בעאַרבייטעט", וואַרשע 1899, איז מער נישט בנמצא. [אַ צענזורקע פון איינאַקטער אין דייטש, וואָס איז נישט דערלויבט געוואָרן דורך דער צענזור אין 1899, געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו"א].

ל. האָט אויך געשריבן און פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע פּיעסעס: „יהודית, אַ היסטאָרישע דראַממאַ אין פיער אַקטען אונ פינף בילדער" [דרוק י. אַלאַפין, וואַרשא, 1888, 40 ז.], וואָס איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין ספּעקטאָרס „פאַמיליענפריינד" [וואַרשא, 1888] און „חנוכה, אַ היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטען און 7 בילדער" [וואַרשע, א"י, 54 ז.].

אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו"א געפינען זיך אויך פון ל.'ס אַרכיוו: 1) אַ יידישער כתב-יד (צענזור עקז. פון 1882) פון „מנחם בן-ישראל, אַ דראַמע אין פינף אַקטן און ניין קאַרטינעס, נאָך דעם רוסישן באַאַרבעט פון ל.". 2) אַ יידישער כתב-יד פון „דער קעניג שלמה". אַ דראַמע, אָן נאָמען פון מחבר און אַ דייטשער טעקסט פון „חכמת שלמה, אַ דראַמע פון י. לערנער", וואָס די צענזור האָט אין 1906 נישט דערלויבט [לויט אונזער פעסטשטעלונג זיינען

ביידע טעקסטן פון איין פיעסע]. 3) דער דייטשער טעקסט פון צענזור-עקזעמפּלאַר פון 1906 פון ל.'ס פּיעסע אין 4 אַקטן „סאָניע גאָלדהענדכען" [פרייע באַאַרבעטונג פון דער קאָמעדיע „שערלאָק האָלמס"], 4) דער יידישער טעקסט פון אַ דראַמע אָן אַ נאָמען און אָן נאָמען פון מחבר (צענזורירט 1985), 5) דייטשער צענזור-עקז. פון 1906 פון ל.'ס יידישער איבערזעצונג פון „די יידן", לויט טשיריקאָוו, 6) דייטשער צענזור-עקז. פון 1906 פון ל.'ס יידישער איבערזעצונג פון מ. גאָרקיס „נאַ דניע" א'נ „אין דער טיפע".

אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו'א געפינען זיך אויך די יידישע צענזור-עקז. פון „די יירין" (1880) און „אוריאל אַקאָסטאַ" (1882).

נאָכדעם ווי ל.'ס טעאַטער-טעטיקייט ווערט איבערגעריסן, נעמט ער זיך צוריק צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט: 1883-84 – באַזוכט ער דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער רוסישער צייטונג „Русскія Вѣдомости" און דרוקט אויך אַ סך אַרטיקלען אין אַנדערע רוסישע צייטונגען. צוריקגעקומען אין אָדעס, איז ער צוגעטראָטן – אין קאָנקורענץ צו י. י. ליניעצקי – צו איבערזעצן אין יידיש גרעצס „יידישע געשיכטע", פון וועלכער ס'דערשיינט נאָר (1887) איין באַנד.

פון ל.'ס אַנדערע אַרבעטן אויף יידיש אין יענעם פעריאָד צייכנט זיך אויס באַזונדערס זיין אָפּהאַנדלונג „די יודישע מוזע" (אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד" II, זז. 182-196), וואו ער ווייזט אַרויס אַ פיינעם חוש און אַ באַגייסטערטע ליבע צו יידישער מוזיק (ל. איז אַליין געווען אַ גוטער מוזיקער און האָט שיין געשפּילט פידל). אין דערדאָזיקער אָפּהאַנדלונג טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דער העברעאיסטישער מליצה און אויך דאָ, ווי ביי אַנדערע געלעגנהייטן, דעמאָנסטרירט ער זיין יידישיסטישע אָנשויאונג.

שפּעטער האָט ל. זיך געשמדט.

א. קויפמאַן אין „Евр. Старина" גיט איבער, אַז שוין אין די 80-ער יאָרן האָט ל. געשריבן שאַרף-אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין אָזמידאָווס שוואַרץ-מאהדיקן אָרגאַן „Новороссіскій Телеграфъ", און איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון רוסישן שאָוויניזם. ל. זאָל זיין אַריינגעפאַלן אין דער דעמאָראַליזירטער סביבה פון דער ווינקל-אַדוואָקאַטור, האָט איינמאָל געפעלשט די אונטערשריפט פון זיינעם אַ קליענט, כדי צו פאַרכאַפּן יענעמס אַ גרויס הויז. איז צוליב דעם אַריין אין טורמע, פון וואַנען דער וועג איז געלעגן דירעקט אין דער רעדאַקציע פון דער יידן-פרעסערישער צייטונג. ל. איז געווען אַ פאַרברענטער שונא-ישראל, אַ מיסיאָנער און שתדלן ביי דער פּאָליציי. בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה, ווען איבער ל. האָט שוין געלויערט דער פּראָצעס, איז ער אַוועק קיין בוקאַרעסט, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין רוקן פון דער רוסישער אַרמעע אַ בלאַט, און ס'איז נישט געווען די געמיינהייט, וואָס זאָל נישט געפינען קיין אָרט אין די אַרטיקלען פון ל.".

ז. רייזען שרייבט: „ס'איז אונז שווער פעסטצושטעלן ווי אַזוי דידאָזיקע פאַקטן לאָזן זיך פאַרבינדן מיט דער שפּעטערער טעטיקייט ל.'ס אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, בפרט, אַז מיר האָבן נישט געפונען אין דער יידישער, העברעאישער און רוסיש-יידישער פרעסע קיין שום נעקראָלאָג פון דעם אַמאָל באַרימטן און טעטיקן שריפטשטעלער".



דעם 23 יאַנואַר 1907 איז ל. געשטאָרבן אין אָדעס.

ל.'ס פרוי, מאַריע לערנער, איז אויך געווען אַ פיעסעשרייבערין.

ל.'ס זון, ניקאָליי ל., אַ קריסט, איז באַוואוסט אַלס רוסישער ליטעראַטור-היסטאָריקער, באַזונדערס אַלס פּושקין-פאָרשער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 78-269.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז 227-236, II, ז. 269.

רבי-קצין [י. ח. ראַווניצקי] — די ביי-זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, „יודישע פאָלקס-ביבליאָטהעק" (רעד. — שלום-עליכם), קיעוו, 1888, I, זז. 338-342.

דייוויד קעסלער — גאָלדפאַדען, לערנער, שייקעוויטש, „דער טאָג", נ. י., 21 יאַנואַר 1917,

דייוויד קעסלער — אַ קלאָפּ דעם אידישן טהעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 4 פעבר. 1917.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — 2 „אוריאל אַקאָסטאַס", 2 „זשידאָווקאַס" נאָך די בעסטע געדיכטע קומט ערשט, „דיא ווארהייט", נ. י., 27 יולי 1918.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, I, זז. 45-46.

נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדן", מינסק, 1926, זז. 72, 50-51.

ש. ל. ציטראָן — טיפּען פון אידישע אָבטריניגע, „מאָמענט", וואַרשע, 18, 25 נאָוו. 1927.

י. רימיניק — רעדיפעס אפן אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד אין די 80-ער און 90-ער יאָרן, „טעאַטער-בוך", קיעוו, 1927, ז. 79.

ר גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פנקס", נ. י., 1927-28, זז. 216, 214.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 2 דעצ. 1928.

ש. באָראָוואַי — אַ פאַרגעסענער ניהיליסט „פילאָלאָגישע שריפטן", ווילנע, 1929, דריטער באַנד, זז. 472-484.

יעקב גאָרדינס בריוו צו זיין פריינד ראָזענבלום, „דער מאָמענט", וואַרשע, 28 יוני 1929.

י. רימיניק — נאָטיצן, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך", ראַטנפאַרבאַנד, 1930, I, זז. 518-19.